NYC מעיאר׳ס אפיס פון אימיגראציע אנגעלעגנהייטן

# ווייסט אייערע רעכטן מיט ICE

אויב אימיגראציע און קאסטומס ענפארסמענט (Immigration and Customs Enforcement, **ICE**) אגענטן קומען צו אייך, האט איר רעכטן!



Yiddish | אידיש

פעברואר 2025

# וואָס קען איך טון
# אויב ICE איז ביי
# מיין טיר?



**איר דאַרפט נישט** עפענען די טיר פאַר ICE אָדער אימיגראַציע. געדענקט **אַז איר האָט דאָס רעכט** צו בלייבן שטיל.

**אויב ICE/אימיגראַציע איז ביי אייער טיר:**



- **פון אונטער דער פאַרמאַכטער טיר**, קענט איר זיי פרעגן ווער זיי זענען און צו ווייַזן זייער בעדזש, אידענטיפיקאַציע־קאַרטל, אדער ביזנעס־קאַרטל דורך דעם פענסטער, קוקער, אדער פון אונטער דער פאַרמאַכטער טיר.



- אויב איר באַשטעטיגט אַז ICE/אימיגראַציע איז טאַקע ביי אייער טיר, פרעגט צו זיי האָבן אַ **באַפעל פון געריכט** (Judicial Warrant).

א באפעל פון געריכט איז א פאפיר אונטערגעשריבן דורך א ריכטער (שופט) וואס גיט ערלויבעניש פאר ICE/אימיגראציע צו אונטערזוכן א פלאץ אדער ארעסטירן עמיצן.

אויב זיי זאָגן **<u>ניין</u>, איך האָב נישט קיין באַפעל פון געריכט,** דאַרפסט זיי נישט אַריינלאָזן. דו קענסט זאָגן,

“I do not want to speak with you.”
("איך וויל נישט רעדן מיט דיר.")

אויב זיי זאָגן **<u>יאָ</u>, איך האָב אַ באַפעל פון געריכט,** בעט זיי זאלן עס אַרײַנשטופּן פון אונטער דער טיר.

אויב דער דאָקומענט איז אונטערגעשריבן דורך אַ ריכטער, דאַרפסט איר יא מיטארבעטן.

אויב ICE זוכט איינעם וואָס איז נישט אין אייער היים, **דאַרפט איר נישט רעדן מיט זיי.** אויב איר זענט מחליט יא צו רעדן מיט זיי, קענט איר בעטן ICE צו איבערלאָזן קאָנטאַקט אינפאָרמאַציע. כאָטש איר דאַרפט נישט אויסזאָגן ICE וואו דער מענטש געפינט זיך, אויב גיבט איר זיי פאַלשע אינפאָרמאַציע, קענט איר האבן לעגאַלע פראָבלעמען.

**אין אַ נויטפאַל**, ווי צום בײַשפּיל אַ סכנה פאַר דער ציבורישע זיכערהייט אָדער אַ סכנה פאַר איינעם'ס לעבן, קען ICE אַרײַנקומען אָהן בעטן אייַער ערלויבעניש. אויב דאָס פּאַסירט, געדענקט אַז **איר האָט דאָס רעכט צו בלייַבן שטיל.**

# וואָס קען איך טוהן אויב ICE איז אין מיין הויז?



אויב ICE גייט אריין אין אייער הויז אָהן אייער ערלויבעניש, קענט איר זיי קלאר זאָגן: “**I do not consent to you being in my home. Please leave.**” ("איך בין נישט מסכים אז איר זאלט זיין אין מיין הויז. ביטע גייט ארויס.") דאָס זאָגן וועט זיי נישט אייביג אפשטעלן, אָבער עס קען העלפן שפעטער מיט אייער לעגאַלע קעיס.

אויב ICE הייבט אהן צו דורכקוקען צימערן אדער זאכן אין אייער היים, קענט איר זיי זאָגן, **“I do not consent to your search.”** ("איך שטים נישט צו צו אייער אונטערזוכונג.")

איר קענט דאס ווייטער איבערחזר'ן אויב זיי זענען ממשיך מיט זייער אונטערזוכונג אהן אייער צושטימונג. איר קענט זיי אויך זאגן אויב עס זענען דא קינדער אדער אנדערע אפגעשוואכטע איינוואוינער אין אייער היים.

מיידט אויס פון זיך ארייינצולאזן אין א פיזישע געשלעג מיט אפיצירן.

# וואָס קען איך
# טאָן אויב ICE איז
# ביי מיין
# אַרבעטספלאַץ?



ICE קען אריינגיין אין די **עפנטליכע פלעצער** פון יעדן אַרבעטספּלאַץ אָהן קיין שום סארט באפעל.



**עפנטליכע פלעצער** קען מיינען: אָפיס לאבי, סופערמאַרקעט, ריטעיל געשעפט, אָדער עס-צימער פון אַ רעסטאָראַנט.

ICE **קען נישט** לעגאַל אַריינגיין אין די פריוואַטע פלעצער פון אַן אַרבעטספּלאַץ חוץ אויב זיי האָבן די **ערלויבעניש פון אייַער אַרבעטגעבער אָדער אַ באַפעל פון געריכט.**

**פריוואַטע** פלעצער זענען פלעצער וואס זענען בלויז פאַר די געברויכן פון די אַרבייטער. דאָס קען אַריינגעמען די ברעיק צימער אָדער סטאָרידזש צימער פון אַ אַרבעטספּלאַץ.

אין אַ נויטפאַל, ווי צום ביישפּיל אַ סכנה פאַר דער ציבורישע זיכערהייט אָדער אַ סכנה פאַר איינעמ'ס לעבן, קען ICE אַרייַנקומען אָהן בעטן אייַער ערלויבעניש. אויב דאָס פּאַסירט, **געדענקט אַז איר האָט דאָס רעכט צו בלייַבן שטיל.**

**ארבעטסגעבער קענען** בעטן ICE צו ווייזן זייער אידענטיפיקאציע און פרעגן צו ICE האט א באפעל פון א געריכט.

אזוי ווי אין אלע עפענטליכע ערטער, אויב ICE אגענטן קומען צו אייך ביי דער ארבעט, **האט איר דאס רעכט צו בלייבן שטיל** און קענט זיי ווייזן צו גיין רעדן מיט אייער ארבעטסגעבער.

ווי שטענדיג, אויב ICE אגענטן פרובירן צו דורכקוקן אייערע קעשענעס אדער חפצים, קענט איר זאגן, "**I do not consent to a search.**" ("איך שטים נישט צו צו א אונטערזוכונג.")

אויב זיי אונטערזוכן אייך סיי ווי סיי, קענט איר זיי נישט פיזיש אפשטעלן, אבער זאגט קלאר אז איר שטימט נישט צו, עס קען זיין וויכטיג שפעטער מיט אייער לעגאַלע קעיס.

**איר זאלט אויסמיידן פון זיך ארייינצולאזן אין א פיזישע קריגעריי מיט אגענטן.**

# וואָס קען איך טוהן אויב איך ווער פארהאלטן אָדער אַרעסטירט?



געדענק אז איר האָט דאָס **רעכט צו בלייבן שטיל**.
איר האָט דאָס רעכט **צו רעדן מיט אַ לויער**.

איר קענט זאָגן פאר ICE אויב איר האָט **מעדיצינישע פראָבלעמען** אָדער אויב איר דאַרפט טרעפען איינעם **צו אכטונג געבן אויף קינדער**.

צומאל קען זיין אז ICE אגענטן **רעדן נישט אייער שפראך**. איר האט דאס רעכט צו בעטן פאר אן איבערזעצער פאר יעדע שמועס מיט ICE, יעדער אפוינטמענט אדער פארהערער וואס איר באקומט. איר קענט זאגן, "**I need an interpreter.**" ("איך דארף אן איבערטייטשער.")

איר האָט די רעכט צו רעדן מיט אַ לויער. איר **דאַרפט נישט אונטערשרייבן קיין שום דאָקומענטן** אָדער **ענטפערן קיינע פראַגעס** איידער איר רעדט מיט אַ לויער.

איינמאל איר זענט פארהאלטן אדער ארעסטירט, וועט איר **האָבן די געלעגנהייט צו מאַכן טעלעפאָן רופן** צו אייער משפחה, פריינט, קהילה פירער, אדער לויער.

אין תפיסה, **קענט איר באַקומען באַזוכער,** אַרייַנגערעכנט אייער משפחה, פריינט, קהילה פירער, און לויער. באַמערקונג אַז **יעדער תפיסה האט אירע אייגענע כללים** וואָס באַזוכער מוזן וויסן פארן קומען.

ווען ICE אגענטן פרובירן צו רעדן מיט אייך אדער ארעסטירן אייך, קען אנהייבן אדער ווייטער רעקארדירן אייך שטעלן אין סכנה. **אבער מענטשן ארום אייך מעגן יא רעקארדירן ICE,** אזוי לאנג ווי זיי שטערן נישט די אפיצירן.

**איר קענט מיטטיילן מיט אייער לויער אודיאָ, ווידעא, אדער געשריבענע נאטיצן וועגן אייער ארעסט פון אייך אדער פון עמיצן וואס האט געזען אייער ארעסט.**

**פאַר מער אינפאָרמאַציע,**
סקענען דעם QR קאָוד

**אויב איר אדער איינער פון אייערע באקאנטע זענען אין געפאַר פון דעפּאָרטאַציע, מאַכט אַ פּלאַן.**

## 1

**קוקט אריין אין אייערע לעגאַלע אָפּציעס. רעדט מיט אַ באַגלייבטן לויער און פאַרמייַדט שווינדלער.**

**1-800-354-0365**

**מאנטאג ביז פרייטאג, 9 צופרי ביז 6 ביינאכט.**
איבערזעצונג איז אוועילעבל

ניו יארקער אימיגראנטן מיט פראגעס אדער זארגן זאלן רופן די מעיאר׳ס אפיס פאר אימיגראנטן אנגעלעגנהייטן (Mayor's Office of Immigrant Affairs, MOIA) אימיגראציע לעגאלע שטיצע האטליין פאר **אינפארמאציע און פארבינדונגען צו אימיגראציע לעגאלע הילף.**

די אימיגראציע געזעצן זענען קאָמפּליצירט. זייט אָפּגעהיטען פון אימיגראציע לעגאַלע סקעמס אָדער שווינדלע וואָס קענען צוזאגן פאַלשע הבטחות.

**געדענקט:** א פובליק נאטארי וואס איז נישט קיין לייסענסט לויער קען נישט אויספילן אדער פיילן אימיגראציע פארומס אין אייער נאמען. זיי קענען אייך אויך נישט געבן לעגאלע עצות.



די בראשור געט נאר אַלגעמיינע אינפארמאציע. עס איז נישט קיין לעגאַלע עצות. רעדט אייך דורך מיט אַ לויער פאַר לעגאַלע עצות.

## 2 **מאכט אייער משפחה פלאן.**

**וועלט אויס אַ עמערדזשענסי קאָנטאַקט און לערנט אייך אויס זייער טעלעפאָן נומער.** אַ עמערדזשענסי קאָנטאַקט קען זיין עמיצער וואָס איר געטרויט - אַ משפּחה מיטגליד, פריינד, קהילה פירער, אָדער אַ לויער.

**אָרגאַניזירט אייערע דאָקומענטן** און האַלט זיי אין אַ זיכערן אָרט צו וואו אייערע עמערדזשענסי קאָנטאַקטן האָבן צוטריט.

**קלויבט אויס א גרייטער פארטרעטער:**
**עמיצער וועמען איר געטרויט** צו זאָרגן פאַר אייער קינד/ער אין פאַל איר ווערט ארעסטירט. גרייטע פארטרעטער האָבן די מאַכט צו מאַכן וויכטיגע באַשלוסן פאַר אַ קינד פון וועם זיי נעמען קעיר, אַריינגערעכנט גרויסע מעדיצינישע באַשלוסן און באַשלוסן ווענגן וואו דאָס קינד גייט אין שולע.

**פאַר מער אינפאָרמאַציע,**
סקענט דעם QR קאָוד


די בראשור געט נאר אַלגעמיינע אינפארמאציע. עס איז נישט קיין לעגאַלע עצות. רעדט אייך דורך מיט אַ לויער פאַר לעגאַלע עצות.

# נאטיצען

**www.nyc.gov/knowyourrights**

### פֿאַר די מערסט אקטועלע אינפֿאָרמאַציע,



- עפענט אייער טעלעפאן'ס קעמערע, און האלט עס איבערן QR קאוד אונטן פאר א פאר סעקונדעס.
- דרוקט אויף די נאטיפיקאציע וואס קומט ארויף צו צוקומען צו די אינפארמאציע.